## אוצרות... אינהאלט!

# נייער "אוצרות" באַרייכערט אידישע שטובער מיט היסטארישע און באַלערנדע אַרטיקלען פאר די גאנצע משפחה

**112 זייטן**
פאר בלויז $5

**ידיעות • השקפה • היסטאריע • חינוך • פאמיליע • בחורים • קינדער**

"בליץ שנעל פארכאפט אין די געשעפטן"... אין די יעצטיגע טעג דערקוויקן זיך אנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאטמאר, און אלוועלטליכע אידישע ליינער צוגלייך, מיט די פרישע, גאר אינהאלטסרייכע, "אוצרות" אויסגאבע, וואס אנטהאלט א "אוצר" פון "אוצרות"... העכער 100 זייטן אנגעפילט מיט היסטארישע און גאר באלערנדע ארטיקלען, געשריבן אין א היימישע אידישע שפראך, געאייגנט פאר די גאנצע פאמיליע.

א גאר ערהאבן בילד אנטפלעקט זיך ווען מ'עפענט דעם "אוצרות"... דער גאנצער "אוצרות" איז אהערגעשטעלט אויף גאר אן עלעגאנטן פארנעם, אראפגעגעבן דורך גאר טאלאנטפולע פאַך-לייט, די בעסטע שרייבער פונעם היימישן ציבור, אויסגעשטעלט און אילוסטרירט אויף א אויג-פארכאפענדן פארנעם, וואס מאכט דאס ליינען גאר באַ'טעמ'ט און געשמאק.

צום צווייטן מאל ערשיינט "אוצרות" מיט א סעריע רייכע און אינהאלטספולע ארטיקלען, אין א רייע טעמעס וואס האלטן געשפאנט ליינער פון יעדן עלטער, און ערגענצט ווידער דעם ציל, צו פארזיכערן ערליכע ליין-מאטריאל פאר אינג און אלט, אונטער די רוחניות'דיגע אויפזוכט פון "וועד החינוך" פון הנהלה מוסדות סאטמאר אין וויליאמסבורג, קרית יואל און בארא פארק.

לאמיר כאפן א בליק פון דער נאענט און זיך דערקוויקן איבער די שפאלטענס פון "אוצרות":

**עדיטאָריאַל:**

## דאָס הינדל איז כשר, אָבער 'איר' זענט טרייף!

אין א שיינעם שריפט ווערט געשילדערט א טרעפליכע פאסירונג פון רבינו הק' זי"ע, ווי ווייט דער תקפיד פון רועי ישראל צו שטיין על המשמר, און די שטריכן וואס איז פעליג פאר יעדן יחיד פונעם ציבור אין די יעצטיגע תקופה: "אין ווענעמען איז געוואָנדן די הצלחה פון די מיסיע?".

**ללמוד וללמד:**

## חרם דרבינו גרשום מאור הגולה

אין די היסטאריע האט כלל ישראל זוכה געווען צו א רייע תקנות פון רבינו גרשום מאור הגולה. אין א העכסט-באלערנדן ארטיקל ווערט דער ליינער באריכערט מיט אלע פרטים און דינים וואס נעמט ארום די הערליכע מקצוע. געאייגנט פאר בעלי בתים און בני תורה צוגלייך.

- וויפיל תקנות האט רבינו גרשום מתקן געווען?
- פארוואס זענען די תקנות הארבער ווי אנדערע תקנות ביי כלל ישראל?
- זענען די תקנות נתפשט געווארן ביי 'גאנץ' כלל ישראל?
- גייט די תקנה אן נאך אלף החמישי?
- וואס זענען די פרטים צו "היתר מאה רבנים"?
- וואס איז געווען די תקנה לטובת די אידן וועלכע האבן



לײדער אנגענומען דעם קריסטליכן גלויבן?

- איז אויסהערן א טעלעפאון געשפרעך א חרם דרבינו גרשום?
- ווען האט רבינו בעל ברך משה זי"ע געזאגט א דרשה ביום י"ג מדות, כמנהג בית סיגוט?

**על משמרת הכשרות:**

## געבאקן נאך פסח

ווען מ'קומט אריין אין די געשעפטן אין די יעצטיגע טעג, שטויסט מען זיך אָן מיט די שאלה איבער די טעמע "געבאקן נאך פסח". גאר געשמאק ווערט געשילדערט אלע פרטים וואס איז נוגע על פי הלכה און מנהגי ישראל.

- מען מען עסן חמץ פון בעפאָר פסח וואָס איז געווען פאַרקויפט?
- דאַרף מען מחמיר זיין אויף חמץ אין די געשעפטן? פארוואס איז מען מחמיר ביז יו"ט שבועות?
- וואס איז אסור על פי דין, און וואס איז בלויז א חומרא און מנהג פון חסידים ואנשי מעשה?
- וואס איז אנדערש דער מנהג אין ראפשיץ און צאנז, און פארוואס?
- איז אנדערש חמץ וואס איז געווען ביים "דיסטריביוטער"?

**להבין ולהשכיל:**

## השקפה געדאנקן אויפן טאג טעגליכן לעבן

זוכן אידן אויפריכטיגע השקפה-געדאנקן אויפן טאג טעגליכן לעבן. א נייער רובריק דינט צו ברענגען א השקפה בליק פון באריכטע מגידים און בעלי השקפה, צו שעפן דערפון חיזוק און תועלת, און זיך צו שטארקן אין אמונה ובטחון.

- וואס איז דער ריכטיגער בליק אויף א "צרה" אין שטוב?
- וויאזוי זאל מען באטראכטן א פראבלעם? א חולה? שידוכים? פרנסה?
- איז א פראבלעם אין שטוב א 'ציל' אדער א 'מיטל'?

**אין וועלט פון בחורים:**

## "אנפאג זמן" ביי מיר, אדער ביי יענעם?

עס איז אנהויב זמן, אין די ישיבות הערשט א שטיקל "התחדשות", שפאצירן מיר אריין מיט גאר א לייכטן ארטיקל אין "היכל הישיבה", מיט פראגן און פראבלעמען וואס טרעפט זיך ביי בחורי חמד:

- וואס מיינט דער "התחדשות" פאר מיר?
- וויאזוי נוצט מען אויס דעם "התחדשות" אויפן ריכטיגן אופן?
- פארוואס האט מיין חבר גענומען א צווייטע חברותא?...

**על הצדיקים:**

## הרה"ק מראפשיץ זי"ע

ווידער האבן מיר דעם אינהאלטספולן רובריק "על הצדיקים", דאסמאל קורצע פונקטן פון מרן הקדוש מראפשיץ זי"ע, זיין געוואלדיגע גדלות אין נגלות התורה, און זיין גרויסע כח השפעה פון תשובה, וואס 'רבים השיב מעון', באגלייט מיט קראנטע עובדות וסיפורים מפי ספרים וסופרים, און היסטארישע דאקומענטן און כתבי קודש.

- ווען האט דער ראפשיצער רב אריינגערוימט אין אויער א סוד אינמיטן שיילן קארטאפל?
- פארוואס האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע אים גערופן 'דער אלטער רב'?
- ווען האט מען ביים ראפשיצער רב געדאווענט 12 שעה?
- פארוואס האט קיינער נישט געגעסן פון די מאכלים ערב יום הקדוש ביי די סעודה?
- פארוואס האט דער ראפשיצער רב געטוישט זיין פאמיליע נאמען פון 'רובין' צו 'הארואויץ'?

**על החסידים:**

## הרה"ח ר' יושע גאלדבערגער ז"ל

א נייער קאלום "על החסידים" אנגעהויבן דעם חודש, וואו עס ווערט ארגינאל באשריבן איינער פון די זקני חסידי אנשי שלומינו, מיט וועמען מרן רבינו הק' זי"ע האט מייסד געווען זיין קהלה און מוסדות על אדמת אמעריקע. תלמידי חכמים מופלגים, געוויקטע יראי ה' און געהויבענע פערזענליכקייטן. איי. וויפיל חן און געשמאק...

אלס דער פותח ראשון איז דער חשוב'ער תלמיד חכם ומרביץ תורה, הרה"ח ר' יושע גאלדבערגער ז"ל, וועלכער איז געווען א דמות דיוקן מיט זיין ערליכקייט, צדקות, הרבצת התורה און ענוות חן עד להפליא.

- וועלכע פלייש געשעפט האט פארמאגט די השגחה פון רבינו הברך משה זי"ע?
- פארוואס האט אים רביה"ק זי"ע אויפגענומען אין סאטמארער פלייש געשעפט?
- פארוואס האט דער רבי ארויפגעלייגט א שטיק פלייש פון פריזער אויפן וואג?
- ווען האט אים דאס בי"ד הגדול אין ירושלים אויסגעפרעגט אין סדר הניקור?
- אויף וועמען האט ר' יושע ז"ל געזאגט, אז ער איז א "מציל מזוטו של ים"?...
- וואו איז נתחבר געווארן דער ספר "רובע השקל" פון מו"ה נתנאל פארקאש ז"ל?
- ווער האט ארויסגעהאלפן הרבנית הצ' ע"ה קאכן די מאכלים פאר'ן רבי'ן אויף די שיף קיין א"י?

**ועל זקני שארית:**

## הרה"ח מו"ה יקותיאל הערש ווערצבערגער ז"ל

**"דער לעצטער תלמיד פון קראלי"** איז שוין נישטא, אבער זיינע לעבעדיגע "זכרונות פון קראלי" האט ער אונז איבערגעלאזט. אין די לעצטע טעג זינט די פטירה פון דעם איש חסיד הרה"ח ר' יקותיאל הערש ווערצבערגער ז"ל האט "אוצרות" ערהאלטן א לענגערן טייל פון דעם אינהאלטסרייכן שמועס איבער זיינע זכרונות בצל מרן רבינו הק' זי"ע.

טרערן פון התרגשות שפירט זיך ווען עס ווערט געשילדערט געפילן פון התקשרות און דביקות. אלעס ארגינאל, היימיש, אמת'דיג און אויטענטיש. למען ידעו דור אחרון.

- ווער האט געזינגען "מי אדיר" אונטער די חופה פון רבי'נס טאכטער, די סיגוט'ער רביצין ע"ה?
- פארוואס ליגט דער נאסאד'ער רב ז"ל אין סאטמאר און נישט אין נאסאד?
- ווען האט מען גערופן דעם רבי'ן הברך משה זי"ע מיט'ן נאמען

"משה'לע סיגעטער"?
- אויף וועלכן ספר האט דער רבי געזאגט: "אויב דו ווייסט נישט לערנען וועל איך עס צוריק נעמען"?
- וויאזוי זענען די באטייליגטע ניצל געווארן פון די נאצי'ס נאכ'ן זינגען ביים רבינ'ס בעט?
- ווען האט דער רבי פערזענליך געזינגען ביים ל"ג בעומר טיש?
- ווען האט מען צום ערשטן מאל געזינגען דעם "ממקומך" פונעם בעל התניא זי"ע?
- פארוואס האט דער רבי הברך משה אים גערופן אויפן טעלעפאן קיין קראלי?
- וויאזוי איז ער אנגעקומען געווני צום ברית פון כ"ק מרן רבינו שליט"א?
- ווען האט הג"ר שמואל זיינוויל גאלד ז"ל זיך אריינגעצויגן אין זעלבן בנין ווי דער רבי ז"ל?

**על חומותיך ירושלים:**

## חינוך הטהור אין ירושלים

ווידער טרעפן מיר אין "אוצרות" רייכע קאפילען היסטאריע איבער דעם קאמף פאר דעם הייליגן געשטאלט פון ירושלים עיה"ק. דאסמאל איבער די תחבולות פון די טרויעריג-בארימטע משכילים צו "ראטעווען דעם חינוך", און דער מסירות נפש'דיגער קאמף פון די גדולי ירושלים.

- וויאזוי האבן די משכילים אין דייטשלאנד פרובירט צו מאנאפילירן דעם חינוך אין ירושלים?
- וואס איז געווען דער אמת'ער באדייט פון דעם "אידישן שפיטאל" אין ירושלים?
- וואס איז געווען די אמת'ע שטעלונג פון דעם שר רבי משה מאנטיפיארי ז"ל?
- פארוואס האבן די ירושלים'ער אידן געמאכט אויף אים א "חרם"?...
- די אויפדעקונגען איבער דעם שענדליכן קונטרס "קול מבשר"?
- וויאזוי דער משכיל פראנקל האט פארלוירן דעם קאמף ביי די ספרדים?

**מכנף הארץ זמירות שמענו:**

## קהלתינו הק' אין אנטווערפן

פון דארט שפאנען מיר צוריק צו די היסטאריע פון די שטאט אנטווערפען, דער רייכער עבר פון קהלתינו הק' אין שאטן פון די צדיקים וקדושים, הרה"ק ר' איציקל מפשעווארסק, הרה"ק ר' יענקעלע מפשעווארסק, הרה"צ מבאניע זצ"ל, און די לעצטיגע יארן בצל תומר הגה"צ אבד"ק ור"מ קהלתינו וויליאמסבורג שליט"א.

- ווען דער ציבור אנ"ש האבן זיך מסתופף געווען בצל רבינו הברך משה זי"ע אלס אבד"ק סיגוט?
- וואס האט דער ראש ישיבה פון ווילרייק זיך אויסגעדיקט נאכ'ן פארהערן כ"ק מרן רבינו שליט"א?
- אויף וועלכן שב"ק האט דער ראה"ק ר' סענדער דייטש ז"ל ממליץ געווען "וועד הרב"ה ארצות"?
- ווען האט דער רבי גע'פועל'ט א ישועה דורך דערציילן א מעשה?
- די זיסע שמועסן מיט הגאון אב"ד אנטווערפן, רבי חיים קרייסווירטה ז"ל?
- ווען האט רבינו הברך משה זי"ע געשיקט א מכתב חיזוק פאר קהל עדתינו אין אנטווערפן?

**לחדשי השנה**

## דער אידישער לוח

אויף גאר א צוגענגליכן שפראך דערלערנט מען זיך דעם המשך פונעם מהלך פון דעם "אידישן לוח". דאסמאל די פרטים וואס איז נוגע צום חשבון פון די תקופות החמה און אלע כללים צו קענען אליינס מאכן א לוח. אלעס ווערט צוליגט אויף א קלארע שפראך מיט ביישפילן וואס איז געאייגנט פאר ליינער פון יעדן עלטער.

- איז דער מאנאט פעברואַר למסף' 28 אָדער 29 טעג?
- ווען זענען די ארבע תקופות השנה?
- דער סדר קביעות המועדים א"ת ב"ש?
- אין וואס ווענדט זיך ווען מ'הויבט אן זאגן "ותן טל ומטר"?
- דער סדר פון די קביעות הפרשיות, מחוברים אָדער נפרדים?

**שנות דור ודור:**

## דער טעלעגראם וואס האט אונטערגעצינדן מיטל מזרח

גאר באקאנט זענען די פלאמפייערדיגע תורה'ס פון רביה"ק זי"ע נאך דעם נצחון פון די ציונים ביי די "זעקס טאגיקע מלחמה", אבער נישט שטארק איז באקאנט דער היסטארישער טייל פון די מלחמה, וויאזוי ס'איז געלונגען פאר די צעיושטע ציונים אנצוגרייפן די אראבישע שכנים צו א פולקאמע קריג, פון וואס מיר ליידן נאך היינט.

- ווי ווייט רביה"ק זי"ע איז געווען דער חכם עדיף מנביא איבער די תכסיסי מלחמה פון די ציונים?
- וואס האט געברענגט דעם צארן פון די אראבישע לענדער דאן אין תשכ"ז?
- פארוואס האבן די ציונים געוואלט איבערנעמען קאנטראל פונעם 'סועץ קאנאל'?
- וויאזוי דער אמעריקאנער פרעזידענט זשאנסאן האט פרובירט צו פארמיידן די מלחמה?
- וויאזוי די קאלטע קריג צווישן אמעריקא/רוסלאנד האט געשפילט א ראלע אין די מלחמה?
- וויאזוי רוסלאנד האט זיך פאררעכנט אויף די קאמפסלוסטיגע איזראעליס?
- וואס איז דער "היסטארישער אויפדעקונג" וואס איז לעצטענס ארויסגערינען פון די "סי.איי.עי."?

**שנות דור ודור:**

## האַלב מיליאָן אידן פאַרניכטעט אין בלויז 47 טעג

צווישן פסח און שבועות פלעגן אונזערע עלטערן פראווען די יארצייטן פון זייערע עלטערן און קרובים; און כלל ישראל קלאגט אויף דעם אומקום פון אַ האַלב מיליאָן אונגאַרישע אידן וואס די נאצישע רוצחים האבן פאַרניכטעט אין בלויז 47 טעג! ליינט וויאזוי האט דאס פאסירט.

- איז פולקאם געלונגען דער טייוול-פלאן פון דעם צורר כל היהודים?
- וויאזוי איז דער אונגאַרישער חורבן פארגעקומען אזוי שנעל,

אין קארגע צוויי חדשים?

- וואס זענען געווען דער ציל פון "עס. עס." און די "געסטאַפּאָ"?
- פארוואס האט אונגארן אויסגעדרייט דעם פרצוף לטובת די דייטשן און צוריק?
- וויאזוי האבן די דייטשן פארבלענדעט די אידן דורך די אידישע "צענטראַל ראַט" אין בודאַפּעסט?
- וויאזוי האבן די דייטשן געצווינגען צו שיקן די פארגעשריבענע קאַרטלעך פאר אידן אין אונגארן?

**משולחן גבוה:**

## אמרות טהורות של כ"ק מרן רבינו שליט"א

געקליבענע דברי תורה מאוצר גנזיו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א אויף ל"ג בעומר, געזאגט אין די פארגאנגענע יארן נאך דעם מעמד ההדלקה ברוב עם הדרת מלך.

**עדות משמיעות:**

## "מיט'ן רבי'ן אין מירון". תרצ"ב - תש"ו

לכבוד ל"ג בעומר האלט "אוצרות" אפ א שמועס מיט זקני תלמידי חכמים, חסידים ואנשי מעשה, ווי הגאון החסיד רבי **יודל סלאנים** שליט"א, הרה"צ רבי **אורי בלוי** שליט"א ואחיו הרה"ג רבי **ישעי'** שליט"א, און הרה"ח רבי **מאיר שטיין** שליט"א, צו הערן זכרונות "מיט'ן רבי'ן אין מירון", בחודש אלול תרצ"ב און ל"ג בעומר תש"ו, וואו "פעסער אהבה טרערן" זענען פארגאסן געווארן.

- וויאזוי די געהויבענע סלאנים'ער חבריא איז נתקשר געווארן אין רבי'ן?
- וואס איז געווען די רעאקציע ביי די סלאנים'ער חסידים אין בראנאוויטש?
- פארוואס איז דער סלאנים'ער רבי נישט אנגעקומען צום רבי'ן אויף ר"ה קיין קראלי?
- וואס האט רביה"ק זי"ע געזאגט פאר רבינו שליט"א איבער זיין באזוך אין מירון תרצ"ב?
- וויפיל "הדלקות" האט רביה"ק זי"ע אנגעצינדן יענעם ל"ג בעומר?
- פארוואס איז דער תולדות אהרן רבי זצ"ל נישט געפארן ל"ג בעומר קיין מירון?

**וְהִטַּהֲרוּ וְהַחֲלִיפוּ שִׂמְלוֹתֵיכֶם!**

## די מערכה אויף צניעות'דיגע מלבושי נשים

א אויסשליסליכע באריכט איבער אלע דעטאלן בנוגע די לעצטיגע מערכה וואס כ"ק מרן רבינו שליט"א האט אונטערגענומען אין די לעצטע וואכן, און פאראייניגט אלע מוסדות החינוך אין ניו יארק, אין א העכסט-היסטארישע אסיפה צום ערשטן מאל על אדמת אמעריקא, וויאזוי צוריקצושטעלן "צניעות'דיגע שטוב-מלבושים" ביים היימישן ציבור.

- וואס האט אנגעצינדן דעם פלאם פאר די הייליגע מערכה?
- וועלכע 22 מוסדות החינוך איבער ניו יארק האבן זיך באלד צוגעשטעלט צו די הייליגע מערכה?
- וואו איז דער פראבלעם, און ווער איז דערויף שולדיג?
- מענין לענין: וואס איז דער פראבלעם מיט דעם היינטיגן "צודעק" אויפן קאפ?
- וואס האט רבינו הק' זי"ע געצייגט אויף זיין הייליגע בעקעטשע?
- ווער איז געשטאנען בראש המערכה ביי די אסיפה פאר דרייצן יאר צוריק, בשנת תשנ"ח?
- איז דאס א ""סאטמארער פראבלעם", אדער "סאטמאר איז דער וועג ווייזער פאר אנדערע"?
- וואס זענען די ווייטערדיגע פלענער?

## אוצרות... פאר די גאנצע משפחה!

### פאמילע:

אויך איז בייגעלייגט א אפטיילונג פאר די פאמיליע, וואו פרויען און מיידלעך טרעפן גאר אינהאלסרייכע ארטיקלען לויט זייער געשמאק, געשריבן דורך באזונדערע טאלאנטפולע שרייבערינס.

- אוצרות פאר די עקרת הבית
- דער כח פון צייט
- ערפארונגען פון לעבן
- מעשה שהי': דער לאך אינעם שטיין
- געדאנק: אשריכם אידישע מאמעס

### קינדער:

- א ספעציעל פארברייטערטע קינדער אפטיילונג, מיט גאר אינטערעסאנטע מעשיות און דערציילונגען פאר קינדער, רעטענישן, פראגן און ענטפערס, און נאך אקטועלע טעמעס וואס וועט האלטן די קינדער געשפאנט.
- דער פריץ נעמט זיך אן פארן ספר
- קעסטל רעטעניש - יארצייט חודש אייר
- קעסטל רעטעניש - ספרי עצי התמרים
- שאלות און ידיעות
- שארף דיין מח
- אינטערעסאנטע חידות

# לויפט און קויפט "אוצרות"

## דאס וועט אייך האלטן געשפאנט א גאנצן חודש